# אידיש



ק. זינגמאן.

# ביי די ברעגעס פון ניעמאן.

א לידער זאמלונג.

ערשטעס ביכעל.

ק. זינגמאן.

# ביי די ברעגעס פון ניעמאן.

א ליעדער זאמלונג.

ערשטעס ביכעל.

מײַן טײַערען, קלײנעם וואהנ׳עלע—אברהם׳עלען,
טראָג צו איך אַ געשאנק מײַן ערשטעס ווערק.

פערלאג „אידיש“ חארקאוו.



דרוקעריי מ. לעבטמאן, חארקאוו.
1917.

Bibliotheca Universitatis Toruniensis
1942:1783
21369

# אינהאלט.

## I. דאס ליעד פון שאנד און וועהטאג.


1. אלץ שמייסט מין דעם איד . . . . . . זייטע 3
2. ניט זוך מיר דארט . . . . . . . . „ 4
3. זאג מיר מאמעניו . . . . . . . „ 5
4. עס איז גיווען . . . . . . . . . „ 7
5 איך האב גיזעהן . . . . . . . . . „ 8


## II. די היימאט, די ליעבע.


6. א פריהלינג אין דער ליטא . . . . . . „ 9
7. ביים ניעמאן. I. א, זעה די נאכט . . . . „ 13
8. „ II. פריהלינג . . . . . . „ 14
9. אין וועלדיל . . . . . . . . . „ 15
10. אין א שטעדטעל . . . . . . . . . „ 16
11. וואס זשע קומסטו? . . . . . . . „ 17
12. עלעגיע . . . . . . . . . . „ 18
13 אין גארטען, אין פרעמדען . . . . . „ 19
14. מיין חלום . . . . . . . . . . . „ 20
15. ערינערונגען . . . . . . . . . „ 23
16. צוריק אהיים . . . . . . . . . „ 24


## III. מאטעל.


17. אום האלבע נאכט . . . . . . . . „ 25
18. פארטאג . . . . . . . . . . . „ 26
19. פארנאכט . . . . . . . . . . „ 27
20. נחמה . . . . . . . . . . . „ 29
21. דאס ליעד פון שניידער . . . . . . . „ 30

I.

# דאס ליעד פון שאנד און וועהטאג.

(אין דאס אלטע רוסלאנד).

## אלין שמייסט מען דעם איד!

1.

צי האָט מען קײַן ברויט ניט,
צי האָט מען קײַן תּבואה;
ניט דאנה'ט איהר בּירגער,
ס'איז דאָ אַ נבואה:
ס'איז שולדיג דער איד! —

צו שלאָגט דיך יאַפּאָניע
צי שלאָגען די דײַטשען;
ניט דאנה'ט איהר בּירגער,
עס לעבּען די בּײַטשען! —
ס'איז שולדיג דער איד! —

צי גיט מען דיך פרײַהײַט,
צי גיט מען דיך ניט;
סײַ זומער, סײַ ווינטער,
אַלץ שמײַסט מען דעם איד!

חארקאוו 1917.

2.

# ניט זוך מיר דאָרט...

(פאראדיע).

ניט זוך מיר דאָרט וואו טײַכען פליסען
וואו טהאָלען, בערג, וואו ס'לעבט און בליהט;
וואו באַנען לויפען, פוהרען פאָהרען;
אַ איד בין איך, אַ איד!—

ניט זוך מיר פרײַנד אין ראַטשע ערטער,
אויף גרינע פעלדער רוה איך ניט;
וואו קוילען הוזשען, מענשען פאַלען...
אַ איד בין איך, אַ איד!..

ניט זוך מיר איצט אין ליעבען שטעדטעל
ווען מיטוואָך איז דאָרט אַ ירוד;
איך בין פערוואָגעלט און פערטריבען,
אַ איד בין איך; אַ איד!..

1915.

3.

# זאג מיר מאמעניו ...

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ,
איִז עֶס אֶמת, וואָס מעֶן זאָגט,
אַז דעֶם גרעֶסטעֶן טשיִן קעֶן קריִגעֶן
דעֶר, וואָס איִדעֶן מעֶהרעֶר שלאָגט?...

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ
וואָס זשעֶ איִז אַזוינס אַ איִד?
וואָס זשעֶ טײַטלעֶן מיט דיִ פיִנגעֶר,
מיִשקעֶ, פעֶטקעֶ: „עֶס געֶהט אַ זשיִד"!...

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ
וועֶטעֶס קײנמאָהל אַנדעֶרש זײַן?—
וועֶטמעֶ שטיִקעֶן, וועֶט מעֶן דריִקעֶן?
אונזעֶר בלוט מעֶן טריִנקט ווי וויַין?...

*

* *

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ
איִז עֶס אֶמת, וואָס מעֶן זאָגט?—
אַז בײַם שול-הויף פון דיִ שטיִבעֶר
טרײַבט מעֶן איִדעֶן און מעֶן יאָגט?...

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ
וואָס זשעֶ ווערט דײַן פּנים בלאַס?—
ציִ דעֶן מײנט מעֶן אַלעֶ אידעֶן,
ווער וועט בלײַבעֶן דאָ אין גאַס?...

ווער וועט לערנעֶן איִן דיִ שוהלעֶן,
ויִ זשעֶ אויסזעהן וועט דיִ שטאָדט?—
ווער וועט שטעֶהן בײַם אָרון־קודש,
וועט עֶס שווײַגעֶן אונזעֶר גאָט?!...

זאָג מיִר מאַמעֶניו, געֶטרײַעֶ,
כ׳וועל דיִר פרעֶגעֶן נאָך אײן וואָרט,
וועט מעֶן טרײַבעֶן אויך דיִ מתיִם
פונ׳ם הײליִג־רײנעֶם אָרט?...

*

* *

יאָ, מײַן קיִנד, ס׳איִז אַלעֶס אֶמת,
אַלעֶס וואָס דו זעֶהסט אָט דאָ;

— — — — — — —

נאָמיִר פּאַקעֶן וואָס מיִר קעֶנעֶן
מ׳האָט געֶגעֶבען נאָר זעֶקס שעה!...

קאוונא 1915.

## 4.

*

* *

עֶס אִיז גֶעווֶען אַ שֶעהנֶער טָאג
דֶער שֶענסטֶער פוּן דֶעם מַאי;
דָאך אִיז מַיין הַארץ פוּן יֶענֶעם טָאג
גֶעבְּלִיבֶּען שווֶער ווִי בְּלַיי...

אִיך הָאבּ גֶעזֶעהן אַ ווִילדֶע קַאץ
ווָאס יָאגט אוּן כַאפּט אַ מוֹיז;
דָאך מֶעג זִי בְּלַייבֶּען אִין מַיין שטוּבּ
אוּן מִיך—מֶען טְרַייבּט אַרוֹיס...

אִיך הָאבּ גֶעהַאט אַ שוואַרצֶען הוּנט
ווָאס חַאפּט פוּן טִיש אַ בּיין,
עֶר בִּילט אוּן בַּייסט, דָאך מֶעג עֶר זַיין
אוּן אִיך—פוּן שטָאדט מוּז גֶעהן...

אִיך הָאבּ גֶעהַאט אַ שֶעהנֶע הוֹיז
אַרוּם מִיט גְרִינֶס פֶערפְלַאנצט;
ווֶען אִיך הָאבּ זִיך מִיט אַלץ צוּשיידט — —
דַאן הָאבֶּען זֵיי... גֶעטַאנצט!...

1915.

5.

# איך האב געזעהן...

זײדעס שלעפט מען פאר די פאות
קינדער װארפט מען פון די װיעגען;
פרויען שלעפט מען פאר די בריסטען,
איך האב... נעשװיעגען!...

איך האב נעזעהן...
טײַהליש לאכט אנ'אלטער שיכור,
בײַ א יונגען אידיש־קרבן...
— גיב א קוש מיר! — און ער שענדט איהר
װען דאס מעדעל איז... געשטארבען.

איך האב נעזעהן...
פערד און װאגען אויף א בימה
אלץ פערניכטעט און פערשפינען...
כ'האב די האר פון קאפ געריסען:
און... געשװיעגען...

.1917

II.

# די היימאט, די ליעבע.

## 1.

## א פריהלינג אין דער ליטא.

(א פראגמענט *).

אין מיין היימאט׳ס ליעבע=שטעדטעל
איז א פריהלינג אנגעקומען;
— — — — — —
ווייסט איהר, וואס הייסט פריהלינג
ביי די מענשען פונ׳ם שטעדטיל
די פערשמאכטע און גערריקטע
די געפלאגטע און פערשטיקטע?...
קומט מיט מיר אין יענעם שטעדטיל
אין די צייט פון ערב=פסח
ווען די זון הויבט אן צו שמעלצען
אט די זון פון ערב=פסח
און דעם אלטען, שטאלצען עקשן
און דעם ליבען גוטען שפייזער
און דעם טייך פון אלע טייכען.

*) דאס איז א פראגמענט פון די פאעמא „דעם שניידער׳ס זוהן״, וועלכע וועט קירצ־ליך ערשיינען אין א בעזונדערער בוך.

ס׳וועֶרט דעֶר שטִילעֶר, בלוֹיעֶר ניעֶמאַן
פוּן דִי ברעֶגעֶס ברייִט צוּלאָזעֶן
אוּן פעֶרפלייִצט דִי גרִינעֶ לאָנקעֶס
אוּן צוּגרִינט אִין פעֶלד די גראָזעֶן,
אוּן צוּשמייִכעֶלט אייַך דִי בלִיקעֶן
מִיט אַ יוּנגעֶן פרִיהלִינגס־שמייִכעֶל;
אוּן אַוועֶקגעֶהן וועֶט דעֶר אייַז נאָר
וועֶט מעֶן לאָזעֶן בייַ דִי ברעֶגעֶס
פוּלעֶ שִיפעֶן קאָרעֶן, געֶרשטעֶן
גאַנצעֶ טעֶג פאַר זוּנעֶן־שטראַהלעֶן,
גאַנצעֶ נעֶכט. פאַר לִיכט־אוּן־שטעֶרעֶן,
אוּן רבי לייִב דעֶר תּבוּאה־סוֹחר
וועֶט זייִ שִיקעֶן אַזש קייַן דאַנצִיג
וועֶט פוּן זייִ אַנ׳עוֹשר ווערעֶן...
אוּן נחמה—זייַן מִיזִינקעֶ
אָט דִי שעֶנסטעֶ, אָט דִי ליעֶבסטעֶ
מִיט דִי צעֶפ דִי לאַנגעֶ, בלאָנדעֶ
מִיט דִי אוֹיגעֶן טִיעֶפעֶ, שוואַרצעֶ
וועֶט אַ כּלה פלוּצלוּנג ווערעֶן,
פאַר דעֶם בעֶסטעֶן, פאַר דעם שעֶנסטעֶן,
פאַר דעֶם מתמִיד, פאַר דעֶם עִילוּי
פוּן סלאָבאָדקעֶר רב׳ס ישִיבה...
אוּן דִי יוּנגעֶ נייַעֶ כּלה
וועֶט זִיך אָנהוֹיבעֶן צוּ רוֹיטלעֶן
וועֶט זִיך אָנהוֹיבעֶן צוּ שעֶמעֶן.
פאַר דִי חבר׳טעֶם פוּן געֶסעֶל
וועֶט זִי זִיצעֶן בייַ אִיהר פעֶנסטעֶר
שטִיל אַראָבגעֶלאָזט דִי ברעֶמעֶן

ק. זיינגמאן.

און מיט בענקענדע אומעט בליקען
וועט זי אין־זיך טרעהרען שטיקען...
און אַ ליעדעל וועט זי זינגען
פול מיט טרויער און מיט אומעט
פול מיט בענקשאַפט און מיט פחד:
„שוין געשטאָרבען איז איהר יונגער"!...
ניט פאַר איהר, די בלאָנדע מעדעל
וועט שוין גרינען זייער וועלדיל
וועט שוין שטראָמען שטיל דער ניעמאַן
וועט שוין שמייכלען די לבנה...
און די נעכט פון שעהנעם זומער
וועלען לאָדקעס אויפ׳ן ניעמאַן
ווי די באַבעלעך דאָרט שווימען
וועט זיך הערען יונגע שטימען
אין אַ זילבערנער געלעכטער
וועט צוטראָגען זיך אין לופטען;
און פון גאָט׳ס געבענשטע טעכטער
פעסט נעטוליעט, פעסט געאַרעמט
וועלען זיצען אין די לאָדקעס
מיט די בחורים פון שטעדטיל

און דערצעהלען זיך די סודות
וואָס דער כּישוף־מאַכער פריהלינג
האָט זיי אַלעמען פּערטרויט...

— — — — — — — —

אָט אַזוי קומט אָן דער פריהלינג
אין דער ליעבער שעהנער ליטא.

1915.



2.

# בּיים ניעמאַן.

אָ, זעה־די נאַכט, די זומער נאַכט
אָ, קוק אין איהר אַריין,
זעה דאָרט ווי ליעב דער שטערען ווינקט,
ווי צערטליך איז זיין שיין.

אָ, געה אַוועק צום ברעג פון טייך
און דאָרט קוק אָן די נאַכט;
עס שטעהט אַ וואַלד מיט סודות פול...
ער קוקט אַזוי פערטראַכט.

אָ, קוק אַריין אין וואַסער־שיין
דעם סוד דערנעהסטו באַלד;
דו זעהסט אַ קוש, אַ ליעבעס קוש
פון ניעמאַן מיט׳ן וואַלד...

קאוונא 1909.

3.

* * *

פריהלינג, קינד מיינס, קום בײם ניעמאַן
ווי קריסטאַל ווערט קלאָר זײַן וואַסער,
און ווי באַקען פון אַ יונגלינג
ווערט דער ניעמאַן בלאַסער, בלאַסער...

פריהלינג, קינד מײַנס, הערצער קלאַפּען...
טײַך און הימעל ווערט פערבונדען;
וואו מיר וואָלקענס?—אָ, פערגעס זשע!—
אַלץ אַרום עס ווערט פערשוואונדען!...

פריהלינס, קינד מײַנס, שטעה זשע אופ'עט!—
קום צום ניעמאַן אין בעגינען!—
פון דעם מבול פריהלינגס־שעהנקײַט
כ'וועל אַ מעשה'לע דיך שפּינען...

קאָוונא 1910.

4.

צוגעטראגען—מיין טייערע ליזען.

# אין וועלדיל.

(א פאנטאזיע).

ווי ליעב איז מײַן לאה בײַנאַכט אינ׳ם וועלדיל
ווען בײדע טיר דרעמלען פערכישוף׳טע אײַן;
און ס׳קוקט דורך די צווײַגען אַרויס די לבנה
און ניסט פֿון דערווײַטען איהר בלוילעכען שײַן.

ווי האָב איך דאַן ליעב אינ׳ם הימעל צו קוקען,
ווען פײַערלעך־שטערענדלעך לויכטען אַראָפּ;
און ליעבליך זי שעפטשעט אַ סוד מיך אין אויער,
און ס׳טוליעט צו מיר זיך אַלץ פעסטער איהר קאָפּ.

ווי ליעב איז די שטילקײַט, די צויבערענדע שטילקײַט
וואָס גאָט האָט געשאָנקען זײַן נאַכטיגע וועלט;
ווי צאַרט איז די בלאָהקײַט, די טרוימענדע בלאָהקײַט,
וואָס רוהט אויפ׳ן וועלדיל—אויף אונזער געצעהלט.

.1909



## 5.

*

* *

אין אַ שטעֶדטיל פון דעֶר ליטא
איז אַ שטיבעֶל דאָרט פאַרהאַנעֶן;
אין אַ שטיבעֶל מיט אַ גאַניק
איז מײַן װיעגעֶל דאָרט געֶשטאַנעֶן.

אין אַ געֶסיל פון מײַן שטעֶדטיל
איז אַ געֶרטיל דאָ מיט בלומעֶן;
יעֶדעֶן זומעֶר פלעגט עֶס בליהעֶן,
יעֶדעֶן אָװעֶנד פלעֶג איך קומען

אויסעֶן שטעֶדטיל, בײַם שאָסײ דאָרט
פלעֶגעֶן שאָקלעֶן זיך די זאַנגעֶן;
צװישעֶן קאָרעֶן נאַכט און שטעֶרעֶן
איז מײַן יוגעֶנד מיר פעֶרגאַנגעֶן

װײַט פון דיר מײַן הײמאַט׳ס שטעֶדטיל
בין איך עלעֶנד און פעֶרטריבעֶן — — —
און עֶס װײנט מײַן האַרץ אָנאױפהעֶר:
איז פון דיר חאָטש װאָס פעֶרבליבעֶן?...

אלעקסאַנדריע 1916.

Ex bibl. univ. Tart.

## 6.

* * *

וואָס זשעֶ קומסטו שעֶהנעֶר פריהלינג
וועֶן איך בין נאָך אין דעֶר פרעֶמד?—.
הײַט פון הײמאַט'ס גרינעֶ פעֶלדעֶר
ווען מײַן האַרץ עֶס איז פעֶרקלעֶמט...

וואָס זשעֶ בליצט איהר זונעֶן=שטראַהלעֶן
וואו זשעֶ רופט איהר מיך אַצינד?—
רײצט ניט, רײצט ניט פריהלינג'ס=אָװעֶנד'ס,
וועֶן מײַן האַרץ איז וויסט און ווינד!...

זינגט ניט פױגעֶל מיר קײַן ליעדעֶר,
לױכט ניט שטעֶרעֶן אין דעֶר נאַכט!—
קעֶן איך הערעֶן פױגעֶל טרעֶהלעֶן
וועֶן מײַן האַרץ זי בעֶנקט און שמאַכט?...

מארט 1916.



* * *

7.

# עלעגיע.

קומט דער אָוועַנד ווערט אין מעריב
אין אַ פלאַם די זון פערשוואונדען;
קומט דער אָוועַנד ווערט דער הימעל
פול מיט שטערען אָנגעצונדען...

קומט אַ נאַכט אָן אין מײַן הײמאַט
פינקלען דאָרטען איצטער שטערען?...
זינגען פױגעל פריהלינגס ליעדער,
ווער אין וועלדיל קומט זײ הערען?...

ס'שטאַרבט דער טאָג אָפּ, ס'טריפט אַ רעגען
קיהל דער אָוועַנד נאָך די היצען;
אויפ'ן ניעמאַן שווימען לאָדקעס— — —
ווער אין לאָדקע קען דאָרט זיצען?...

פוסט און עלענד איז מײַן הײמאַט
זײ די פױגעלעך צולאָפען— — —
דאָך די פױגעל קעהרט זיך אומעט — — — —
האָב איך עלענדער צו האָפען?...

.1916

8.

# אין גארטען, אין פרעמדען...

אָט שטעה איך פערטרויערט אין גאָרטען, אין פרעמדען
וועןּ איך בין געקומען האָט ער נאָך געבליהט;
ס'איז מאַי דאַן געוועזען... די זון האָט געשמייכעלט
דאָך שוואַרץ און פער'יתומ'ט געוועזען איז מײַן ליעד...

ס'איז מאַי דאַן געוועזען... פול שטראַהלען, פול ליעבע
מײַן היימישער גאָרטען האָט פראַכטפול געגרינט;
מײַן שטילינקער טײַכעל פון ליטא מײַן היימאַט
ער האָט זיך זײַן זומער־לעגענדע געשפינט...

און פלוצלינג... מען ווייס ניט... אַ שטורעם קומט אָנ'עט
דעם טרייסעל דעם ערשטען האָב איך דאַן דערפיהלט;
אָ, שטורעם איך קען דיך פון אַלט־גוטע צײַטען,
מײַן בלוט אין די אָדערען עס שטעהט נאָך פערקיהלט...

איך האָב דאַן דעם שטעקען מײַן זיידענס גענומען,
און אויג האָט געצאַפּעלט אַ וואַרימער טרעהר...
די זון האָט געסמאַליעט, און איך האָב געוואַנדערט— —
און איך בין אַ מיעדער געקומען אַהער...

חארקאוו 1916.

9.

# מײַן חלום.

(פון די פּאָעמע „די חרוב'דיגע שטאָט").

װען איך בין אַ מידער און אָהנמאַכט געפאַלען
װען ס'איז מעהר צו װאַנדערען קײַן כּחות געװען;
צוקאָפּענס צװײ שטײַנער... איך בין אײַנגעשלאָפען:
דאַן האָב איך אין חלום מײַן הײמאַט געזעהן. .

איך געה מיך אַ שטאָלצער, די קאָפּ אױפגעהױבען
בײַם אײַזערנעם טױער האָב איך מיך געשטעלט;
צו איז דאָס דער טױער פון ליטא מײַן הײמאַט?...
מיך שױדערט פון מורא, מיך טרײסעלט פון קעלט...

װי קומט דאָ אַ שומר מיט אָפענע שװערדען?
ער שטעלט אױס די אױגען און קוקט אַזױ בײז;
ער פרעגט מיך פערצאָרענט, װער ביסטו? װאָס דאַרפסטו?
איך זאָג איהם מײַן נאָמען — מײַן יחוס איז גרױס...

ער קוקט מיך אין פנים און לאַכט זיך פאַנאַנדער — —
— פון אַלע יחסנים װעסט קײנעם געפינען! —
דער איז שױן געשטאָרבען, דעם האָט מען געהאַנגען,
אַ צװײטער, אַ דריטער אַראָפּ איז פון זינען...


ק. זינגמאן.

איך בעט זיך בײַם שומר מיט טרערען תחנונים:
אָ, לאָז מיך אַרײַן חאָטש אַ קוש טהון די ערד
וואו ס'איז דאָרט מײַן קינדהײַט, מײַן יונגענד פאַרגאַנגען,
וואו כ'האָב אין די שוהלען גאָט'ס תורה געהערט...

ער עפענט דעם טויער... וואָס זעהען מײַנע אויגען?—
קײַן גאַסין, קײַן שטיבער, נאָר חורבות אַרום...
איך בין ווי אַ בלינדער וואָס טאַפּט אין דער פינסטער,
מײַן הײמאַט, מײַן הײמאַט, וואָס שווײַגסטו? ביסטו שטום?...

איך בלאָנדזשע און בלאָנדזשע... מײַן האַרץ איז פערבלוטיגט,
דעם אַלטען בית־מדרש איהם האָב איך דערקענט;
אין בלאָטע פּערזונקען עס באָדען זיך שמות...
אין עלענד פער'חושכ'ט, עס קוקען צוויי הענט...

דאָס זענען די עדות פון אָרון־הקודש,
די לוחות צובראָכען, דער פרוכת פערברענט...
איך זוך די מנורה... איך זוך דאָרט די בימה...
אַ וואו איז דאָ מזרח?—איך זעה נור צוויי ווענט!— —

די זון איז פּערגאַנגען, איך האָב דאָרט גענעכטיגט,
אויף זײַלען פּון מירמעל געלעגט כ'האָב מײַן קאָפּ;
איך קוק אויפ'ן הימעל... און פלוצלונג די שכינה
צום אָרון־הקודש זי נידערט אַראָפּ...

אַ הײליגע מורא עס חאַפּט מיך אַרומ׳עט,
איך הער עפּעס שעפּטשען... כ׳כפּערשטעה ניט קײן װאָרט..
איך הער עפּעס װײנען... עס ריהרען זיך פינגער— — —
דער אָרון־הקודש ער ריהרט זיך פון אָרט— — —

און הױבט זיך אַלײן העכער, אַלײן העכער צום הימעל —
די נאַכט הױבט אָן שװינדען, און ליכטיגער װערט;
— — — — — — — — — —
איך עפען די אױגען... ס׳שטעהט עמיצן און װעקט מיך:
„װי קומסט דאָ פּערשמוצען די הײליגע ערד״?.

איך קוק זיך אַרומ׳עט, װאו איז זי די שכינה?...
װי קום איך אין פעלד איצט?— מיך חאַפּט אָן אַ שרעק;
מען קלאַפּט מיך אין פלײצע: „גענוג שױן צו טרױמען״!—
נעהם אידעל דײן שטעקען און געה זיך דײן װעג!— —

חארקאוו 1916.



## 10.

# ערינערונגען.

שוין רויטעלט זיך דער מעריב=ראנד,
און טונקעל ווערט אין וואלד;
דאן קלאפ איך דריי מאהל אן אין וואנד;
א שטימע הער איך: „באלד"!—

שוין שטעהט זי אויפ'ן טרעפעלע
איהר שטימע קלינגט ווי זיס!—
איך קוש איהר רונדע קעפעלע
די בארפים קלאהרע פיס...

שוין זענען מיר אין וועלדעלע
מיר ליגען אויפ'ן גראז;
איך קוש איהר מארמאר=העלזעלע
און פרעג נאכדעם פארוואס?...

*

* *

שוין זענען די יאהרען פערשוואונדען,
ניטא שוין די מעדעל, דער וואלד;
פון וועלדעל מען האט מיך פערטריבען,
אויף ליעבען—בין איך שוין צו אלט!...

פאספעשקא—ווילנא 1915.

11.

# צוריק אהיים.

ווען קומען וועל איך ווען צוריק אין מײַן הײמאַט
ניט וויסען וועל איך דאַן וואו פריהער צו געהן;
צו זאָל איך אַ קוק טהאָן בײַם ברעג פון דעם ניעמאַן
צי איז ער ווי פריהער זאָ אונשולדיג=רײן?...

וואָס מאכט דארט דער וועלדיל, מײַן פרײַנד דער געטרײַסטער,
מײַן חבר פון יוגענד, פון טרעהרען און גליק— — —
צי גאַנץ איז געבליבען דאָס „גאַניקעל מאַפו׳ס"? *)
די בוימלעך אַרום דאָרט—צו זעהן וועט מײַן בליק?— —

צי לעבט נאָך א זכר פון מירעלעס געסיל,
די שטיבעל, די ווײַסע וואו זי האָט געוואוינט;
אַנטקעגען צו שטעהט נאָך דער דעמב, דער בעצווײַגטער?
צי ווערט נאָך איהר פענסטער מיט שאָטענס בעקרוינט?...

און אויב כ׳וועל שוין קײן זאַך אין שטעדטיל געפינען
דאָך אײן אָרט וועט בלײַבען פאַר׳ן עלענדען אידו!— —
אויפ׳ן אַלטען בית=עולם צעווישען די קברים— — —
דאָרט וועל איך מיט טרעהרען אַרויסזינגען מײַן ליער.

.1917

*) אין א שטאָדט אין דער ליטא אויף אַ הויכען באַרג געפינט זיך אַ גאַניק וואו ווי די לעגענדע זאָגט פלעגט דאָרט מאפו קומען און שאַפען זײַנע ווערק, מען רופט עס „מאפוס אַניק". —

III.

# מאטעל. *)

## 1.

## אום האלבע נאכט.

נאַכט און הימעל, טײַך און וואַלד־רויש
און עס פלעכט זיך אַלס צוזאַמען
און עס בויגט זיך אַלין צום ניעמאַן
ווי א ברוסט־קינד צו דער מאמען.

שטיל אין שטעדטיל, ס׳האָט פון טורעם
לאַנג דער זייגער צוועלף געשלאָגען;
אַלע שלאָפען, אַלע טרוימען
און אין מזרח וועט באַלד טאָגען..

ס׳האָט דער זייגער צוועלף געשלאָגען
מאָטעל טוט פון שלאָף ערוואַכען;
געהט אַרויס זיך שטיל פון שטיבעל
און ער טוט די טיר פערמאַכען.

שטערען פינקלען, שטערען פאַלען
די לבנה לײַכט פון אויבען;
וואו זשע שפאַנט עס איצטער מאָטעל?
ווער זשע טוט זײַן שלאָף איהם רויבען?...

*) דער גאַנצער ציקעל ליעדער איז איינצעלנע פראַגמענטען פון א גרויסער פּאָעמא „דעם שנײַדער׳ס זוהן“.

2.

# פ א ר ט א ג.

שטיל אין געסיל, ס'בלאָזט אַ ווינטעל
טיר און טויער איז פערשלאָגען;
הענער קרעהען, ס'פּײַפט דער פאסטוך
קוים וואָס הויבט נאָך אָן צו טאָגען.

בײַ דעם וועלדעל נעבען טײַכעל
זאָל עס ברענען דאָרט א שײַער?—
וואָס זשע רויטעלט זיך דער הימעל?
ס'פלאמט דער וועלדעל ווי א פײַער...

ס'געהט די זון דאן אויף פון וועלדיל
קיינער זעהט ניט--אלע שלאָפען;
נאָר איין שטיבעל אינ'ם געסיל
טיר און טויער איז שוין אָפען.

דאָרטען וועסט דעם שנײַדער מאָטעל
בײַ דער ארבײַט שין געפינען;
ס'שײַנט די זון ארײַן אין שטיבעל
און עס קלאפּען די מאשינען.

בײַ דעם פרעס=טיש שטעהט דאַן מאָטעל
פרעסט א מלבוש זיך גאנץ מונטער
און ער זינגט אנ'אלטען ליעדעל
די מאשינע העלפט איהם אונטער.



3.

# פאַרנאַכט.

נעבען טײַכעל אויף אַ בערגיל
בײַ די זײַטען בוימער גרינען;
מאָטעל׳ס בליקען בלאָנדזשען אומ׳עט
ווי בײַ אײנעם וואָס אָן זינען...

—פונדערווײַטען אָ, וואָס זעהט ער?—
פון אַ פענסטער קוקט אַ קעפּיל;
בלאָנדע לאָקען, שוואַרצע אויגען,
און די בעקעלעך—ווי עפּיל...

אָ, דאָס איז זי!... און ער לויפט דאַן
ווי אַ הונט וואָס איז פערוואונדעט;
נאָר געקומען איז ער נאָהענט— — —
ס׳איז די קעפּיל שוין פערשוואונדען...

טונקעל, טונקעל ווערט אין דרויסען,
טונקעל ווערט איהם אין די אויגען;
און ער שילט זײַן טאַטע, מאַמע
די וואָס האָט איהם אויסגעזויגען...

און ער פֿלוכט זײַן ביטער מזל
פֿול מיט דערנער!—קײנע בלומען!— —
און איהם טאָטשעט ווי אַ וואָרעם:
„וואָס וועט שפּעטער מיר נאָך קומען“?!...

— — — — — — — —
— — — — — — — —

*

*   *

ווידער איז ער אין זיין שטיבעל
די לבנה טוט בעלייכטען;
און ער ווארפט זיך אום אין בעטיל
אויף זיין קישען—אויף דעם פייכטען...

פייכט פון טרעהרען, יונענד־טרעהרען
קינדיש־ריינע—מאטעלס טרעהרען;
— — — — — — —
וועט די ליבע קינד נחמה
איהם גאר קיינמאל ניט געהערען?...

4.

# נַחֲמֶה.

נאכט אין דרויסען, ברען מיין לעמפיל
ברען און ווער היינט ניט פערלאשען;
זיי מיין יאהרצייט נאך מיין יונגער
כ'האב מיט טרעהרען דיך דערגאסען!

נאכט אין שטעדטעל, אלע שלאפען
און מען שלאפט א שלאף א זיסען;
נאר איך איינע קען ניט שלאפען
עמיץ האט מיין הארץ צעריסען...

נאכט און ליעבע... אך ווער ווייס עס?
שווארץ די נאכט—ווי זיינע אויגען;
ס'קויפט דער טאטע מיר א חתן
און ער וועט מיין זאפט אויסזויגען...

נאכט און ליעבע... וואו ז'מיין ליעבער?
וואו ז'מיין בעסטער? וואו ז'מיין שענסטער?—
כ'וואלט צוקושט איהם אלע גליעדער
ווען כ'דערזעה איהם איצט ביים פענסטער...

נאכט און ליעבע... אך ווער ווייסט עס?
ליעבע ניט נור אין ראמאנען;
ס'קויפט דער טאטע מיר א חתן
ווען א ליעבער איז פאראנען...

5.

# דאס ליעד פון שניידער.

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
ס׳איז פארהאן א גביר אין שטעדטיל;
זיינס א טאכטער הייסט נחמה
און זיין ווייב מ׳רופט איהר עטיל.

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
ס׳האט דער גביר א פולע מיהלען;
איין מיהל שענקט ער איצט זיין טאכטער
מ׳וועט ל״ג בעומר ביי איהר שפיעלען...

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא..
ר׳נעמט א עילוי פאר אנ׳איידעם;
פרעהליך וועט דארט זיין די האכצייט
טאנצען וועט מען ווי די שדים...

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
כ׳נעה דעם שטאן=ראק פאר׳ן חתן;
ווען די ארבייט וועט זיין פארטיג
וועט ער שיינקען אכטעהן גראשען...

ק. זיננמאן.

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
כ׳שפריץ ביים פרעסען צו מיט וואסער;
ווער עס נעֱהט די גארדעראבע
יענעמ׳ס פנים ווערט אלץ בלאסער...

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
עפּיס ציטערט יעדער אבר;
ניט קיין בגדים טו איך נעֱהען,
נאר איך גראב פאר זיך א קבר...

טיקי... טיקא.. טיקי... טיקא...
ווער וועט קענען מיך אויסהײלען?
פון מיין ליעבע צו נחמה׳ען
ווען עסען קען איך עס פערצעֱהלען?

טיקי... טיקא... טיקי... טיקא...
ס׳שלאגט פארנאכט דער זײגער זיעבען;
וועט מען וויסען, וועט מען לאכען,
קען א שניידער־יונג דען ליעבען?.—

טיק... טיקא... טיק... טיקא...
אויפ׳ן הימעל ווייזט זיך פלאמען;
שטארקער, הייסער ווערט די ליעבע
ווערט די ליעבע צו נחמה׳ען...

טיק... טיקא... טיק... טיקא...
אָ, איך גיב דעם לעצטען שטרייכעל;
און איך לויף אויפגיך צום חבר
צו מיין ראָז פערשעמטען טייכעל...

טיק... טיקא... טיק... טיקא...
כ׳וועל מיין חבר אלס פערצעהלען;
פון מיין נאריש קראנקער ליעבע
אפשר וועט ער מיך אויסהיילען?

— — — — — — — — —

טיק... טיקא... טיק... טיקא...
ווער אין ליעבע וועט דא זיעגען?
נאר געהענדיגט איז דאס ליעדעל,
פון דעם שניידער יונגענד ניגון.

XIV 1942:1753

פרייז 75 קאָפּ.

דער אדרעס פון פערלאַג:

Из-во „Идишъ", Харьковъ, Рымарская 23.